# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.....................7:49
מוצאי שב"ק.....................9:15

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................הושע ב'-ג'
בבלי.......................שבת קנ"ה
ירושלמי....................סוכה כ"ה
תוספתא.............מועד קטן א'
רמב"ם...........תלמוד תורה א'


פרשת עקב, י"ח אב, אבות פרק ד', שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 46 (460)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן - מִצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן יֶעדֶעס יָאר מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן דֶערְבֵּיי דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט. אֵיין יָאר בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה אִיז דָארְט גֶעזֶעסְן אַ אִיד, דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט; עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד: "רֶבִּי, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן וָואס הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זי"ע אִים גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ גַאנְצְן טָאג שְׁלֶעפְּסְטוּ וַואסֶער אוּן וֶוען דוּ רוּעֶסְט זִיךְ אָפּ דֶעמָאלְט כַאפְּסְטוּ אַרַיין אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דָאס יָאר ווִילְסְטוּ זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט", וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זַיין פָּנִים אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, עֶר רוּפְט זִיךְ צוּם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד: "טַאקֶע דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן", אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיט נֵייגֶערִיגְקֵייט וָואס מֶען הָאט אִים לְמַעֲשֶׂה אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן דִיר", פְרֶעגְט דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁלֶעכְט גֶעבֶּעטְן? פַארְוָואס הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן מִיר?" זָאגְט אִים דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד אַזוֹי: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל וָואס דַארְף מֶען דִיר הָאבְּן... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּילְי-בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים אָן זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אָן קַיין יֵצֶר הָרַע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דַוְקָא הֶערְן דַיינֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין אַרְבֶּעט, עֶר ווִיל הֶערְן ווִי דוּ לוֹיבְּסְט אִים וֶוען עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער".

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר אִיז נִישְׁט חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל; עֶר טְרַאכְט: 'וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין? וֶוער דַארְף מִיר? וָואס אִיז וֶוערְד מַיין דַאוֶונֶען? מַיין תּוֹרָה, מַיינֶע מִצְוֹת?' עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פוּן אִים עֶר זָאל וֶוערְן אַ מַלְאָךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דַוְקָא אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת וָואס זֶעעֶן אוֹיס נִישְׁט חָשׁוּב; אִין הִימְל זֶענֶען דָא מַלְאָכִים, שְׂרָפִים, חַיּוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקּוֹדֶשׁ וָואס גֵייעֶן אוּן שְׁטֵייעֶן אוּן פַאלְן נִישְׁט אַרָאפּ, דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט וַוייל עֶר ווִיל הָאבְּן אַ נַחַת רוּחַ פוּן אוּנְז מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן, פַאלְן אוּן הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף.

יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס מֶען טוּט, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט אוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תש"פ)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר דִי פְרוֹיעֶן ווִי פַאר דִי מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֶדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵּק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר ווִי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען ווִי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס

<<<<<<

## א גוט ווארט

לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ טַאפְּסְט אַ וַואנְט וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶּער - פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת מַסְעֵי תש"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# לָאזְט אַייך נִישְׁט פַארְנַארְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִי רֶעדְט אַיין אוּנְזֶערֶע פְרוֹיעֶן אַז זִי זֶעט זַאכְן, זִי זֶעט זַאכְן אִין דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הֶייבְּטְס אָן טְרִינְקֶען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, הֶייבְּטְס אָן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; לֶערְנְטְס אֲשֶׁר בַּנַּחַל, לֶערְנְטְס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - וֶועט מֶען אַייךְ נִישְׁט קֶענֶען אָפְּנַארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אַ וַויין סוֹחֵר; עֶר הָאט גֶעהַאט דִי בֶּעסְטֶע וַויין, דִי 'אוּנְגַארִישֶׁע וַויין'. אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגְס הָאט אִים זַיין מְשָׁרֵת אוּן דֶער בַּעל עֲגָלָה גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען פַארְזוּכְן אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע וַויין, דִי 'אוּנְגַארִישֶׁע וַויין'; דֶער בַּעל הַבַּיִת הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גוּטֶע וַויין.

אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז דֶער מְשָׁרֵת אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטֶעלֶע צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט גֶעטְרִינְקֶען וַויין, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי וַויין, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דָאךְ דִי גוּטֶע וַויין, דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין", הָאט דֶער מְשָׁרֵת זֵיי גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען אוֹיךְ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע וַויין, דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין; זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי וַויין, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען דֶערְפוּן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: **"אִיךְ וֵוייס אַז דִי וַויין אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע וַויין, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אוּנְגַארִישֶׁע וַויין"**, אַלֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן, הֲיִתָּכֵן עֶר רֶעדְט אוֹיף דִי וַויין, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְ'ס אוּן וַוייטֶער גֶעזָאגְט: **"אִיךְ וֵוייס אַז דִי וַויין אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע וַויין, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אוּנְגַארִישֶׁע וַויין"**, עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר וואוּ עֶר הָאט שׁוֹין פַארְזוּכְט פוּן דִי גוּטֶע וַויין וְכוּ'.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט: "לֶעָתִיד כְּשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, "אָז יֵדְעוּ כְּשֶׁיִּתְּנוּ יַיִן הַמְשֻׁמָּר", דֶעמָאלְט וֶועט אִיר וִויסְן וֶוען מֶען וֶועט אַייךְ גֶעבְּן פוּנֶעם יַיִן הַמְשׁוּמָר, "אֲזַי לַאֲחֵרִים יוּכְלוּ לְהַטְעוֹת וְיִתְּנוּ לָהֶם יַיִן וָואלִיחְשִׁין סְטְרָאוִויצְטֶיר וְיֹאמְרוּ לָהֶם שֶׁהוּא יַיִן הַטּוֹב הַמְשֻׁמָּר", אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט מֶען קֶענֶען אוֹיסְנַארְן, מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן סְתַּם וַויין אוּן מֶען וֶועט זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז גוּטֶע וַויין, דָאס אִיז דֶער יַיִן הַמְשׁוּמָר, "אֲבָל לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לֹא יוּכְלוּ לְהַטְעוֹת כִּי אֲנַחְנוּ טָעַמְנוּ הַיַּיִן הַטּוֹב", אָבֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן וַוייל אִיר הָאט שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי גוּטֶע וַויין.

עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער אַז נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת אוּן נָאכְן זֶען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז - וֶוערְט אִיר נָאכְאַלְץ פַארְלוֹירְן פַאר בַּאבֶּע מַעֲשִׂיוֹת, יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמְט אַ פְרוֹי אוּן הֵייבְּט אָן רֶעדְן אִירֶע זַאכְן, קוֹיפְט אִיר אָפּ אִירֶע רֵייד. אִיר קֶענְט דָאךְ גְלַייךְ זֶען וָואס זִי רֶעדְט, וָואס זִי פַארְקוֹיפְט אוּן וָואס אִירֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען; זִי רֶעדְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן? זִי רֶעדְט פוּן צַדִּיק? אוֹיבּ זִי רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן פָאלְגְן אַ צַדִּיק, זִי דֶערְצֵיילְט וָואס זִי הָאט בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִי אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם צַדִּיק, דֶעמָאלְט קֶענְט אִיר זִי אוֹיסְהֶערְן [נִישְׁט יֶעדֶע וַוארְט וָואס זִי זָאגְט מֵיינְט אַז דָאס אִיז וָואר], אָבֶער אַז זִי רֶעדְט אִירֶע שֵׁיינֶע חֲלוֹמוֹת, אִירֶע פַאנְטַאזִיעֶס [טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע] - וָואס קוֹיפְט אִיר דָאס אָפּ?

עֶס אִיז נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס פְרוֹיעֶן קוּמֶען דָא אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה אוֹיף אוּנְזֶערֶע וַוייבְּלֶעךְ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָאס לֶעצְטֶע מָאל, אוּן עֶס אִיז אַלְץ דָא שְׁוַואכֶע וָואס וֶוערְן אַרַיין גֶענַארְט; בִּפְרַט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן פוּן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן אוּן קֶעגְן שַׁאטְס וְכוּ' וְכוּ', זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זֵיי.

אִיךְ וֶועל אַייךְ נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת אַן אַנְדֶערֶע מָאל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן תש"פ)

>>>>>>

צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כ"ה.) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן אַבִּיסְל פוּן זַיין שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס, אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי וִוי אַ הַאנְט וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גָאלְדֶענֶער פִיסְל. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי אַלֶע צַדִּיקִים זִיצְן אִין גַן עֵדֶן בַּיי אַ טִישׁ פוּן דְרֵיי פִיס, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר אַ טִישׁ פוּן צְוֵויי פִיס. הָאט זִי אִים גֶעהֵייסְן אַז עֶר זָאל צוּרִיק גֶעבְּן דֶעם פִיסְל, וַוייל זִי וִויל נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וֵוייניגֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט דָאס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זֶענֶען דִי מַאן אוּן פְרוֹי אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן, זֵיי זִיצְן צוּזַאמֶען בַּיי אֵיין גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, זֵיי בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקוּנֵי זֹהַר תִּיקוּן י"ד) אַז אַ פְרוֹי הֶעלְפְט אַרוֹיס דֶעם מַאן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס דַארְף נִישְׁט אַזוֹי זַיין אַז אַ פְרוֹי זָאל שְׁפִּירְן אַז זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן אוּן דֶער מַאן זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס זַיין וַוייבּ. וַוייל וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען דִי פָּאר-פָאלְק הָאבְּן זִיךְ אֱמֶת'דִיג לִיבּ, שְׁפִּירְט יֶעדֶער פוּן זֵיי אַז זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַלֵיין, זֵיי לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט אֵיין צִיל, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער שְׁפִּירְט אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט דֶעם צְוֵוייטְן הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶ אוּן רִיכְטִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט.

חַזַ"ל זָאגְן (גִיטִין צ.) אַז דִי בֵּית הִלֵּל הַאלְטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ פְרוֹי הָאט נָאר פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן פוּנֶעם מַאן, מֶעג עֶר אִיר שׁוֹין גֶט'ן. דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. פַארְוָואס זָאל מֶען גֶט'ן אַ וַוייבּ וַוייל זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט דָאס עֶסְן? עֶס מַאכְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַז עֶסְן וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, דָאס וַוייזְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׁלֶעכְטְקֵייט.

נָאר וֶוען מֶען וֶועט גוּט קוּקְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן, וֶועט מֶען זֶען אַז זֵיי זָאגְן נִישְׁט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט "דִי" עֶסְן, עֶס שְׁטֵייט אַז זִי הָאט פַארְבְּרֶענְט "זַיין" עֶסְן. דָאס מֵיינְט אַז פַאר אִיר אַלֵיין הָאט זִי גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דָאס עֶסְן זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן, אוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע חֲלָקִים גֶעבְּט זִי נָאר פַאר אִים. דָאס וַוייזְט שׁוֹין יָא אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

וַוייל אִין שְׁטוּבּ דַארְף הֶערְשְׁן אַן הַארְמָאנְיֶע, מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם. אוֹיבּ אִיז דָא גוּטֶע זַאכְן, טֵיילְן זֵיי זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דֶעם. אוּן אוֹיבּ אִיז דָא חַ"ו אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, טֵיילְן זִיךְ בֵּיידֶע מִיט דִי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אוֹיבּ דָאס עֶסְן אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אִיז דָאס דִי שָׁאדְן פוּן בֵּיידֶע. אוּן מִיט דֶעם וָואס זִי גֶעבְּט נָאר פַאר אִים דָאס פַארְבְּרֶענְטֶע אוּן פַאר זִיךְ נֶעמְט זִי דִי גוּטֶע, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זִי טוֹיג נִישְׁט.

אוּן פַארְקֶערְט אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט יָא אִינְאֵיינֶעם, מֶען טֵיילְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז אִין דֶעם הוֹיז לֶעבְּט מֶען מִיט גוּטֶע מִדוֹת, דָארְט הֶערְשְׁט אַן אֱמֶת'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטֵיילְט אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועלְן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ טֵיילְן מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען דֶער צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מִרִימְנוֹב זִ"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְּן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט, אָבֶער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!"

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ טוּן, אָבֶער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל

<<<<<<

>>>>>>

אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׂוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׂוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַאר'חַלָשׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְווִישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶּער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶעבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִיק. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגֶערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אִשָׁה וְעֶרֶךְ זְכוּת)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: נָאךְ פִילֶע שְׁוֶועְרֶע מִיטְמַאכֶענִישְׁן אוֹיפְ'ן וֶועג, קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן צוּם שְׁטָאט גַאלַאץ.**

**שיב**

גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן גַאלַאץ דוּרְכְ'ן שְׁטָאט יַאס.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְגַאנְג, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע יִסוּרִים בַּיי יֶעדֶע שְׁטָאט אוּן דָארְף וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דֶעם גְרֶענִיץ צוּלִיבּ דֶעם אוּנְטֶערְגַאנְג, וַוייל מְ'הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַרִיבֶּערְצוּלָאזְן מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי קְרֶענְק אִין לַאנְד.

**שיג**

זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט טוּישְׁן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן וִוי יוּנְגֶע סוֹחֲרִים אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט וְכוּ', אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן טוֹעֶה גֶעוֶוען אוּן זֵיי אָנְגֶעקוּקְט וִוי קַלִים וְכוּ'.

**שיד**

זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ דֶענִיעֶסְטֶער, אוּן דֶערְנָאךְ דֶעם טַייךְ בּוּג, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְקוּמֶען צוּם שְׁטָאט טֶעפְּלִיק אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ.

קֵיינֶער הָאט זֵיי דָארְט נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מְלַמֵד אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת, דֶער מְלַמֵד הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען גַנָבִים.

**שטו**

זוּנְטָאג, כ' סִיוָן, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ נִסָיוֹן, וַוייל אִין דֶעם הוֹיז וואוּ דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאבְּן זֵיי

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי נֶעמְט מֶען כֹּחַ צוּ דִי לַחַץ פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן מַיין קָאפּ הוֹיבְּט מִיר אָן שְׁוִוינְדְלֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְנְסְט, צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, צוּ דִי גַאנְצֶע רֹאשׁ הַשָׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר. יֶעדֶעס יָאר אִיךְ נָאר אַז דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זָאל אַוֶועקְגֵיין, דִי לַחַץ אַז אִיךְ וֵוייס "מְ'מוּז" זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן וַוייל יֶעצְט שְׁרַייבְּט מֶען אָן דִי גַאנְצֶע יָאר, מַאכְט מִיר שׁוֹין יֶעצְט אָנְגֶעצוֹיגְן. סְ'אִיז אַ פַאקְט אַז סְ'קוּמְט אַ מִשְׁפָּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ שְׁפִּירְן אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פִילְט פַאר אַ מִשְׁפָּט, עֶר אִיז דֶערְשְׁרָאקְן אוּן נֶערְוֶועז.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן וִוי אַייךְ זִינְגֶען זִיךְ אוּנְטֶער דִי נִיגוּנִים פוּן רֹאשׁ הַשָׁנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי שִׂמְחָה, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז פַארְקֶערְט אַז אֵיינֶער הֵייבְּט אָן צוּ זִינְגֶען אַ תְּנוּעָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דְרֵייט זִיךְ מִיר דִי קִישְׁקֶעס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זֶענֶען טֶעג פוּן רַחֲמִים; דֶער וַוארְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייזְט זַיין רַחֲמָנוּת, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען זָאל פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן. עֶס זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, עֶס זֶענֶען טֶעג פוּן לִיבְּשַׁאפְט, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (לִקוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה לב, ב) אַ מָשָׁל צוּ אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס זִיצְט אִין אַ מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאץ, דֶעמָאלְט קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט קֶענֶען אַלֶע צוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, דֶעמָאלְט שְׁמֵייכְלְט דֶער קֶענִיג צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכְל פוּנֶעם קֶענִיג, אָן קַיין אוּנְטֶערְשִׁיד וֶוער מֶען אִיז.

מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט מֶען דַארְף טוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת; מֶען דַארְף פַאסְטְן, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אַז מֶען טוּט גָארְנִישְׁט וֶוערְט מֶען זֵייעֶר בְּעַצְבוּת. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): **"מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים"**, וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִים. וַוייל יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה טַאקֶע צוּ ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס אִיז דָא אַפָּאר סִיבּוֹת דֶערְצוּ, אֵיינֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, **"וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ"**, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף טוּן, **"וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה"**, אוּן אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען וְכוּ' וְכוּ', זָאגְט דֶער רֶבִּי: **"וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה"**, וֶוער מֶען זָאגְט תְּהִלִים, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט מֶען נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן מֶען וֵוייסְט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, **"וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה"**, מֶען קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): **"הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"**, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת. אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, **"וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּטַעֲנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת"**, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיס גִיסְן דָאס הַארְץ אוּן אִים בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר"**, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, **"כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ"**, וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַארְץ, **"וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ"**, וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, **"אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ"**, אוֹיפְ'ן שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיס צוּ גִיסְן דָאס הַארְץ.

טוּ דִי עֲבוֹדָה גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַנְגֶענֶעמֶע טַעַם וָואס צַדִיקִים שְׁפִּירְן אִין גַן עֵדֶן; דַיין לֶעבְּן וֶועט זַיין אָן לַחַץ, אָן פְּרֶעשׁוּר, דוּ וֶועסְט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה!**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת עֵקֶב תש"פ)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מעמד "ש"ס איד" - סיום מסכת שבת




שטייענדיג בלויז א טאג צוויי אפגערוקט פונעם גרויסארטיגן מעמד "ש"ס איד", דעם זונטאג פרשת ראה, י"ט אב, ווען אנשי שלומינו וועלן מאכן דעם גרויסן סיום אויף מסכת שבת פונעם דף הקהלה, און אנהויבן אינאיינעם מסכת עירובין, איז די התרגשות גאר גרויס מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם מעמד.

מ'האט זיך געפלאגט און זיך אנגעשטרענגט ארייננצוכאפן יעדן איינציגסטן טאג א בלאט גמרא, נישט קיין חילוק ווי גרויס די טירדות און שטערונגען זענען געווען, און יעצט קומט די צייט זיך צו פרייען מיט די גרויסע שמחה.

דער מעמד וועט פארקומען אין די זאלן פונעם נייעם פראכטפולן בנין התלמוד תורה אין ליבערטי, אויפ'ן אדרעס **39 Chestnut St. Liberty, NY 12754**, וואו הונדערטער אידן וועלן פארברענגען אינאיינעם ביים געשמאקן מעמד, און זיך שטארקן מיט פרישע כוחות צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה.

די ריזיגע זאלן זענען אויסגעארבעט געווארן אז ס'זאל קענען ארייננעמען דעם גרויסן ציבור וואס איז ערווארטעט, אויף א באקוועמען פארנעם, אז יעדער זאל קענען הערן און זען און מיטהאלטן דעם געשמאקן מעמד.

אום 5 אזייגער פונקטליך וועט מען זיך וואשן צו א רייכע סעודה, די טאלאנטפולע זינגערס פון די "הלווים" קווייער וועלן מהנה זיין דעם עולם, באגלייט מיט פראפעסיאנאלע מוזיק און גראמען. חשובע בעלי דרשנים וועלן האלטן דעם עולם געשפאנט. מ'וועט מסיים זיין מסכת שבת און אנהויבן מסכת עירובין, און דער ראש ישיבה שליט"א וועט זאגן דברות קודש. דערנאך וועט מען זיך ארויסלאזן אין פרייליכע טענץ, און נאך ברכת המזון וועט פארטיילט ווערן ספעציעלע חשובע מתנות פאר אלע באטייליגטע.

ביים זאל איז נישטא קיין פארקינג, א גרויסער פארקינג לאט איז צוגעשטעלט געווארן נישט ווייט פון זאל, אויף **Darbee Ln. corner Grant St.** פון וואו ס'איז בלויז געציילטע מינוט צוצוגיין צום זאל [זע בייגעלייגט די מאפע].

ביטע זיך האלטן צו אלע אנווייזונגען, ס'זאל זיך נישט מאכן קיין פראבלעמען מיט די שכנים און די באאמטע.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## פאזיטיווע נייעס איבער די נסיעה אויף ראש השנה קיין אומאן

מער און מער פאזיטיווע נייעס קומט אריין פון אוקריינע, איבער די באפארשטייענדע נסיעה צום הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה, צום ביישפיל האבן זיי די וואך באשטעטיגט אז אפילו די וואס קומען אריין אין אוקריינע פון אזויגערופענע "רויטע לענדער", דאס מיינט לענדער וואס האט נאך א הויכע ראטע פון אנגעשטעקטע פונעם ווירוס, אויב האט מען גענומען א טעסט אין די 72 שעה פאר'ן פארן, און ס'איז ארויסגעקומען אז מ'האט נישט די ווירוס, וועט מען זיך נישט דארפן איינשפארן בכלל אנקומענדיג אהין.

אידישע קינדער זענען ווייטער מתפלל אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער רבי האט געבעטן און פארלאנגט פון אלע זיינע תלמידים, און זוכה זיין דורך דעם צו א גוט געבענטשט יאר מיט אלע ברכות און ישועות.

דער הייליגער רבי האט געבעטן און פארלאנגט אז מיר זאלן קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט צו העלפן די אלע וואס קומען צו אים, "אפילו די וועלכע איך קען נישט העלפן א גאנץ יאר, קען איך אבער יא העלפן אום ראש השנה" - האט דער הייליגער רבי זיך אויסגעדריקט.

דערפאר זענען אידן ממשיך מתפלל צו זיין אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה, אן קיין שום שוועריקייטן, און אויס'פועל'ן אלע גוטע ישועות פאר'ן גאנצן יאר.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

>>>>>>

גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ פוּן גְרוֹיסֶע שְׁמוּץ אוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דַאן מְלַמֵּד זְכוּת גֶעוֶוען אוֹיף מֶענְטְשְׁן זָאגְנְדִיג, "זָאלְסְט ווִיסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועג וָואס מִיר גֵייעֶן אִיז נָאר גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן אִיבֶּער דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן ווִי גְרִינְג מְ'קֶען לֵיידֶער נִכְשָׁל וֶוערְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם".

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹי וֵויי! אַז סְ'אִיז דָא אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער אָנְגֶעגְרֵייט מַכְשִׁיל צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן מִיט נִאוּף רַחֲמָנָא לִיצְלָן".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט דָאס זַיין אַ טוֹבָה אַז מְ'הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל פוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אִין יֶענֶעם הוֹיז, אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## פארקינג ביים מעמד ש"ס איד

1. מענער ארייננגאנג 2. פרויען ארייננגאנג 3. פארקינג





# אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

Travel the right way

**718-506-4341**



## סימן טוב ומזל טוב

**הפצת הגליון נתנדב ע"י**

**מו"ה יצחק אייזיק ברב"ד ראטה הי"ו**

**צו די אפשערן פון זיין זון יואל ני"ו למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען פיל אידיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער געזונטערהייט



## נאכאלץ נישט פרייליך?!

**האסט שוין פרובירט אזויפיל זאכן וואס זאלן דיר מאכן פרייליך, דערוויל האט אבער גארנישט געהאלפן?**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 65**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**